# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קכו**

**פרשת וישב - חנוכה**

בענין

קושית ה'אמרי יושר' על תירוצו הראשון של הבית יוסף – איך הדליקו בשבת

## קושית הבית יוסף ותירוצו הראשון

עס איז ידוע ומפורסם די קשיא פון די **בית יוסף** וואס פרעגט (או"ח סימן תרע): **ואיכא למידק למה קבעו שמונה ימים, דכיון דשמן שבפך היה בו כדי להדליק לילה אחת, ונמצא של נעשה הנס אלא בשבעה לילות** - פירוש: פארוואס האבן די חכמים קובע געווען די יום טוב פון חנוכה פאר אכט טעג, די ערשטע טאג איז לכאורה דאך נישט געווען קיין נס, ווייל דער פך אחד של שמן, האט דאך געהאט גענוג שמן צו ברענען פאר די ערשטע טאג, און אויב אזוי קומט אויס אז די ערשטע טאג איז בכלל נישט געווען קיין נס, און מען וואלט געדארפט מאכן נאר 'זיבן טעג' חנוכה?

און די בית יוסף ענטפערט אויף דעם דריי תירוצים, אין די ערשטע תירוץ שרייבט ער: **וי"ל, שחילקו שמן שבפך לשמנה חלקים, ובכל לילה היו נותנים במנורה חלק אחד, והיה דולק עד הבוקר, ונמצא שבכל הלילות נעשה נס** - פירוש: די כהנים האבן גלייך די ערשטע טאג צוטיילט די פך אחד של שמן, אין אכט חלקים שוה בשוה, כדי מען זאל האבן אביסל שמן פאר יעדען טאג, און דער ביסל שמן וואס זיי האבן געלייגט אין די מנורה האט בדרך נס געברענט א גאנצע נאכט. און לפי זה קומט אויס אז אפילו די ערשטע טאג איז געווען די נס פון נירות, אז אביסל שמן האט געברענט א גאנצע נאכט.

## קושיא נפלאה מהגאון האדיר רבי מאיר אריק זצ"ל על תירוצו של הבית יוסף

דער גרויסע גאון און שר התורה **רבי מאיר אריק זצ"ל** און זיין ספר **שו"ת אמרי יושר** (חלק ב, סימן ז) פרעגט א הפלא'דיגע קשיא אויף דער תירוץ פון די בית יוסף.

און קודם איז ער מקדים א אנדערע קשיא וואס די גרויסע גאון וקדוש **רבי אליעזר הגר זצ"ל** די בעל **'דמשק אליעזר'** פון **וויזניץ** האט אים געפרעגט מענין לענין באותו ענין. וזה לשונו: **לכבוד ידיד נפשי, הרב הגדול החריף ובקי, חסידא ופרישא, בנן של קודשים, מורנו הרב אליעזר האגער שליט"א - כעת הגאבד"ק וויזניטץ יצ"ו.**

**על דבר אשר הקשה לפי מה שכתב תוספות מנחות** (פו, ב, ד"ה ממנה), **על פי שיטת רש"י דענין הדלקת נר מערבי בשחרית, אם מצאו שכבה, היא תיקון חכמים זכר לנס שהיה בימי שמעון הצדיק, דלרש"י ז"ל תמיד דכתיב במנורה קאי על הלילה, אם כן האיך עשו בשבת?**

פירוש: אין **מסכת מנחות** דארט שטייט אזוי: ביי די פסוקים פון די מנורה שטייט (ויקרא כד, ג) **מִחוּץ לְפָרֹכֶת הָעֵדֻת בְּאֹהֶל מוֹעֵד יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר לִפְנֵי ה' תָּמִיד חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם**, פון די ווערטער **'פָּרֹכֶת הָעֵדֻת'** לערנט מען ארויס אז: **עדות הוא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל**, דהיינו די מנורה איז א עדות פאר די גאנצע וועלט אז די שכינה רוהט ביי די אידן. און די גמרא איז מסביר פון ווי מען זעהט עס? ווייל לכאורה איז שווער: **ואם תאמר: לאורה אני צריך, והלא כל ארבעים שנה שהלכו ישראל במדבר לא הלכו אלא לאורו?** - פירוש: צו דען האט די אייבישטער געדארפט די ליכטיקייט פון די מנורה וואס כלל ישראל האט אנגעצונדן פאר זיך, פאר די אייבישטער פעלט דאך נישט קיין ליכטיקייט, ולא עוד, די גאנצע פערציג יאר וואס די אידן זענען געגאנגען אין מדבר, איז מען נאר געגאנגען לאורו פונעם אייבישטער? **אלא עדות הוא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל** - נאר זיכער איז די טעם פון הדלקת המנורה, צו ווייזן אן עדות אז די שכינה איז שורה בתוך כלל ישראל.

פרעגט די גמרא: **מאי עדותה** - ווי אזוי איז די מנורה מעיד אז די שכינה איז שורה בתוך כלל ישראל? **אמר רבא: זה נר מערבי שנותנין בה שמן כנגד חברותיה, וממנה היה מדליק ובה היה מסיים** - פירוש: האט רבא געזאגט, אז די **'נר המערבי'** דעס איז די עדות פון די מנורה אז שכינה שורה בתוך ישראל, ווייל די נר המערבי האט געברענט א גאנצע צייט און זיך נישט פארלאשן, און פון דער נס, ווערט מפורסם די עדות אז השכינה שורה בתוך ישראל. רש"י דארט אויפן פלאץ איז מסביר די ווערטער פון רבא 'וממנה היה מדליק ובה היה מסיים', וזה לשונו: **ממנה היה מדליק - האחרות, ובה היה מסיים כדתנן** (תמיד דף לג) **בא ומצא שתי נרות מזרחיות דולקים, שמנורה היתה עומדת מזרח ומערב מכבה האחת**

**שבצד מזרח ומדשנה ומניח האחת שבצד אותה שבמזרח הוא נר מערבי, ומניחה דולקת עד לערב, ומדליק האחרות שכבו בשחר, ומטיבו, וזורק מה שנשאר מן השמן ומן הפתילה לחוץ, ונותן בה שמן ופתילה ומדליקה כדי לקיים בה מצות הדלקה, ומסיים בה הדלקה שהיה מדליקה בתר כל הנרות** - פירוש: לויט רש"י איז די סדר פון הדלקת המנורה געווען אזוי: ביינאכט האט מען געצינדען די מנורה, און צופרי, איז די כהן אריין אין די היכל צו 'מיטב' זיין די נרות, דהיינו צו אפרייניגען די נרות פון א נאכט פארדעם, אבער די 'נר המערבי' האט מען נישט גערייניגט צופרי, ווייל עס איז דאך געבליבן ברענען אפילו אינדערפרי, וועגן דעם האט מען איבער געלאזט די נר המערבי ביז פארנאכטס, און נאר דעמאלטס ממש פארן גייען צונדען די מנורה פון די פרישע טאג האט מען געמאכט הטבה פאר די נר המערבי, דהיינו מען האט ארויסגענומען די ברענדיגע לעכט, און געהאלטן אין די האנט, און אזוי אויסגערייניגט די מקום פון די נרות, און פון די ברענדיגע נר המערבי האט מען אנגעצונדן די שאר נירות. און דעם איז פשט פון רבא'ס ווערטער: **'ובה היה מסיים'**, דהיינו די 'הטבת הנירות' פון די נר המערבי איז געווען די לעצטע הטבה וואס מען האט געמאכט פארן גייען צינדען פון פריש די מנורה, **'ממנה היה מדליק'**, דהיינו מיט די ברענעדיגע נר המערבי האט מען אנגעצינדן די מנורה די קומענדיגע נאכט.

קומט דארטן **תוספות** און לייגט צו: **וזה היה קודם שמת שמעון הצדיק שהיה נר מערבי דולק כל היום כו' כדאמר בריש טרף בקלפי** (יומא לט, א) **כל ארבעים שנה ששימש שמעון הצדיק היה נר מערבי דולק מכאן ואילך פעמים דולק פעמים כבה והיה צריך ליתן בה שמן בשחרית שתהא דולקת עד הערב להדליק בה השאר** - פירוש: דעם וואס רש"י שרייבט די סדר פון 'ממנה היה מדליק ובה היה מסיים', איז דוקא בזמן וואס שמעון הצדיק האט געלעבט, וואס דעמאלטס האט די נר המערבי געברענט אגאנצען טאג נאר בזכותו, אבער נאך די תקופה פון שמעון הצדיק, האט כלל ישראל נישט זוכה געווען צו דער נס גלוי, און אסאך מאל האט די נר המערבי געברענט אגאנצע טאג, און אסאך מאל נישט. און די פאר מאל ווען די נר המערבי האט זיך אויסגעלאשן צופרי, איז די סדר געווען פלעגט מען צולייגן נאך שמן אין די נר המערבי צופרי, און עס צוריק אנגעצינדען כדי עס זאל ממשיך זיין צו ברענען ביז ביינאכט, און אזוי האט מען ווייטער געקענט מקיים זיין די דין פון 'ממנה היה מדליק ובה היה מסיים'.

און תוספות בהמשך איז מבאר די טעם פארוואס מען האט צוריק אנגעצינדען די נר המערבי אפילו נאך די צייטן פון שמעון הצדיק: **ושמא הא דתקון הכי, היינו טעמא, שלא לשנות מכמות שהיה בשעה שהנס קיים בימי שמעון הצדיק** - פירוש: דער דין אז מען דארף צוריק אנצינדן די נר המעריב איז א תקנת חכמים, וואס זיי האבן געמאכט א תקנה צו זיכער מאכן אז די נר המערבי ברענט ביז ביינאכט, כדי נישט צו מְשַׁנֶּה זיין פון די מנורה בזמן שמעון הצדיק, און פונקט ווי אין די צייטן פון שמעון הצדיק האט געברענט די מנורה א גאנצע טאג אזוי אויך נאך די זמן פון שמעון הצדיק, דארף מען זיכער מאכן אז די נר המערבי ברענט א גאנצע טאג. עד כאן דברי התוספות.

לפי זה פרעגט די **דמשק אליעזר**, אויב איז די טעם פארוואס מען דארף צוריק אנצינדען יעדן אינדערפרי די נר המערבי איז נאר א 'תקנת חז"ל' כדי נישט צו משנה זיין פון ימות שמעון הצדיק, ווי אזוי האט מען געמעגט טוהן דער פעולה פון הדלקת נר המערבי אין 'שבת', שבת וואלט עס דאך געדארף זיין אסור מכח די איסור פון הבערה?

און ער איז ממשיך: **ואין לומר דבשבת לא היו מדליקין** - פירוש: לעולם קען מען ענטפערן, אז לויט רש"י אה"נ האט מען נישט צוריק אנגעצינדן די נר המערבי שבת אינדערפרי, און דעם וואס רש"י איז מסביר אז מען האט ממשיך געווען מיט די עבודה פון די נר המערבי, איז נאר געזאגט געווארן בימות החול, זאגט די דמשק אליעזר אז דעס קען מען נישט זאגן: **דהא בירושלמי ראש השנה** (פרק א, הלכה ח), **ופרק ב' דמגילה** (הלכה ז) **איתא דתני רבי חייא סדר התמיד בין בחול בין משבת** - פירוש: אין ירושלמי שטייט: **תנא רבי חייא בר אדא, זה סדר תמיד לעבודת בית אלהינו בין בחול ובין בשבת.** און די **קרבן העדה** דארט איז מסביר: **בסוף תמיד** (לג, ב) **תנן זה סדר תמיד לעבודת בית אלהינו, והוסיף רבי חייא בברייתא בין בחול בין בשבת**, דהיינו, אין די משניות דארט סוף מסכת תמיד ווערט אויסגערעכנט די גאנצע עבודה וואס מען האט געטוהן יעדן טאג אין די בית המקדש, און דארט שטייט (לג, א) די עבודה פון די נר המערבי, און אויף דער משניות זאגט רבי חייא, אז די זעלבע עבודה איז געווען סיי אינדערוואכן און סיי אין דער וואכן, איז על כרחך האט מען געטוהן די עבודה פון די נר המערבי אפילו אין שבת, און אויב אזוי איז זייער שווער ווי אזוי איז געווען מותר צו עובר זיין אויף איינער פון די ל"ט מלאכות וואס איז מדאורייתא, כדי צו מקיים זיין א תיקון דרבנן.

און רבי מאיר אריק איז מסיים דער קשיא מיט די ווערטער: **והוא קושיא חמורה!**

## תירוצו של רבי מאיר אריק על קושית הדמשק אליעזר

קומט **רבי מאיר אריק** און ענטפערט א חידוש פון א תירוץ, וזה לשונו: **ולחומר הקושיא היה נראה, דבשבת היה מדליקין בבוקר על ידי קטן שהגיע לחינוך, דהא הדלקה לאו עבודה, רק דאפילו הכי אין להדליק על ידי קטן כמו שכתב המנחת חינוך מצות עשה צח, דאין עושין מצוה דאורייתא על ידי קטן, דלאו בר מצוה הוא, אבל הדלקת נר מערבי בבוקר שהיא רק תקון חכמים זכר לנס, שפיר אפשר על ידי קטן שהגיע לחינוך** - פירוש: די **מנחת חינוך** שרייבט א חידוש פון א דין אין מצוה צ"ח (מצות עריכת נרות המקדש, אות יד ממכון ירושלים), וזה לשונו: **ואף דלאו עבודה היא** - פירוש: די מנחת חינוך און א שטיקל פארדעם איז מבאר, אז די מצוה פון 'הדלקת הנירות' איז נישט קיין 'עבודה,' און וועגן דעם מעג א 'זר' אנצידן די מנורה, לפי זה שרייבט די מנחת חינוך: **מכל מקום נראה לי, דחרש שוטה וקטן שהדליקו פסולה, ואין הטעם משום עבודה דפסולים, דלאו עבודה היא, מכל מקום נראה לי דפסול כיון דהיא מצוה, והני לאו בני מעבד מצוה נינהו, אין פוטרים המצוה המחויבת** - פירוש: די מנחת חינוך איז מחדש, אז בעצם וואלט א קטן געווען געקענט אנצינדען די מנורה, וויבאלד הדלקת הנירות איז נישט קיין 'עבודה', אבער אפילו אזוי מעג א קטן נישט אנצינדען

די מנורה, ווייל הדלקת המנורה איז דאך א 'מצוה', און כדי צו מקיים די מצוה דארף מען זיין א גדול א בר דעת, און נאר איינער וואס איז א גדול און א בר דעת ער קען מקיים זיין די מצוה פון 'הדלקת נירות', און א קטן וויבאלד ער האט דאך נישט קיין דעת, קען מען מיט אים נישט מקיים זיין די מצוה פון 'הדלקת נירות', און וועגן דעם איז א קטן פסול פון צינדען די מנורה.

לפי זה זאגט רבי מאיר אריק, אז דער ווערטער פון די מנחת חינוך איז נאר געזאגט געווארען אויף די עצם מצות הדלקת הנירות המנורה, וואס איז א מצות עשה דאורייתא, דהיינו די חיוב פון צינדען די מנורה יעדער נאכט - דארט וועט א קטן נישט מעגן צינדען די מנורה, ווייל ער קען נישט פטר'ן די חיוב פון די מצוה, ווייל ער אז נישט קיין בר דעת. אבער די הדלקה וואס מען האט געמאכט יעד'ן אינדערפרי פאר די נר המערבי, וואס דעס איז נאר געווען א 'תקון חכמים', דעס האט א קטן שהגיע לחינוך יא געמעגט אנצידנען.

איז לויט דער חידוש - זאגט רבי מאיר אריק - קען מען זאגן, אז שבת אינדערפרי האט מען אנגעצינדען די נר המערבי דורך א קטן, וואס אזוי קומט אויס אז א איסור דאורייתא איז נישט געווען, ווייל נאר א קטן האט אנגעצינדען די מנורה, און פון די אנדערע זייט, איז די עצם הדלקה נאר א תקון דרבנן וואס איז כשר דורך א קטן. כפתור ופרח!

און רבי מאיר אריק ברענגט א ראיה צו דער דין, אז א קטן קען יוצא זיין א מצוה וואס איז נאר א תקון דרבנן: **כמו לענין מגילה דקטן מוציא הגדול לכמה פוסקים, כיון דכל עיקר המצוה מדבריהם, ועי' באורח חיים סימן תרפ"ט, ובמגן אברהם שם** - פירוש: די **מחבר** (ס"ב) אין הלכות מגילה שרייבט: **אם היה הקורא חרש או קטן או שוטה, השומע ממנו לא יצא** - פירוש: אויב א קטן האט געליינט די מגילה פאר א גדול, האט די גדול נישט יוצא געווען די מצוה פון קריאת מגילה. קומט די **מגן אברהם** דארט אין פרעגט אויף די מחבר: **וצריך עיון, דהרב בית יוסף פסק בסוף סימן תרע"ה כדעת בעל העיטור שמכשיר בקטן, והכא סתם ופסק כדעת האוסרים** - פירוש: די **מחבר** אין **הלכות חנוכה** (סימן תרע"ה, ס"ג) שרייבט: **ויש מי שאומר בקטן שהגיע לחינוך מותר** - פירוש: עס זענען דא וואס זענען מתיר אז א קטן שהגיע לחינוך קען מוצא זיין א גדול מיט הדלקת נר חנוכה, און די טעם איז וויבאלד נר חנוכה איז נאר א 'תקון דרבנן', וועגן דעם קען א קטן יא מוצא זיין די מצוה. און פון די צוויי מחבר'ס פרעגט די מגן אברהם אז לכאורה איז זיך די בית יוסף סותר [והמגן אברהם נשאר שם בקושיא]. על כל פנים, זעהט מען פון דעם, אז עס זענען דא ראשונים וואס לערנען אז ביי א מצוה דרבנן קען א קטן שהגיע לחינוך יא מוצא זיין די חיוב המצוה, און אויב אזוי הוא הדין בהדלקת נר המערבי, וואס מען האט געטוהן יעדען אינדערפרי אין בית המקדש, האט געקענט טוהן א קטן אויך, און עס איז נישט געווען קיין פראבלעם מיט חילול שבת.

### הקושיא של רבי מאיר אריק על תירוצו של הבית יוסף

דא קומט רבי מאיר אריק און שרייבט זיין הפלא'דיגע קשיא וואס ער האט אויף דער תירוץ פון די בית יוסף, וזה לשונו: **וכעין קושיא הנ"ל העירותי מאז על דברי הבית יוסף הלכות חנוכה, לאחד מתירוצים שם דהחליקו הפך לח' חלקים, והדליקו בכל לילה חלק שמינית מהשיעור הצריך, ודלק כל הלילה בנס, ובשעת הדלקה לא היה רק שמינית השיעור, וקשה נהו דסמכו על הנס לענין גוף המצוה דאי אפשר, לפי מה שכתב בתשובת שבות יעקב דחצי שיעור נמי קצת מצוה אית ביה, וכיון שלא היה להם שמן רק ליום אחד מוטב היה להם להדליק בח' ימים לעשות בכל יום קצת מצוה, אבל האיך עשו בשבת, דהא בתוך ח' ימים היה גם כן שבת, והאיך הדליקו בשבת, דפשיטא כשאין שיעור הצריך לשמן אסור להדליק בשבת, דלא ניתן לדחות רק כשעושין כדין, ולא משום קצת מצוה, דחצי שיעור וגם לא יתכן לסמוך על נס במקום חילול שבת דאורייתא, דלענין ביטול גוף המצוה הרי אשכחן לפעמים שביטלו חכמים מצות עשה בשב ואל תעשה, כמו תקיעת שופר, אבל לא בקום ועשה** - פירוש: רבי מאיר אריק פרעגט אויף דער תירוץ פון די בית יוסף, אז מען האט צוטיילט די שמן זית וואס מען האט געטראפן אין אכט חלקים, און א יעדען טאג האט מען געצינדען נאר איין חלק, בשלמא יעדן טאג איז נישט שווער ווי אזוי מען האט זיך געמעגט פארלאזן אויף א נס, ווייל אפילו עס וואלט נישט געשעהן קיין נס, אין עס וואלט נישט געברענט א גאנצע נאכט, אם כל זאת האט מען מקיים געווען א מצוה, אזוי ווי די **שבות יעקב** שרייבט (עי' בספרו חלק ב' סימן יח), אז מען זאגט 'חצי שיעור' אפילו ביי א מצות עשה (הארכנו בזה גליון פג, פרשת צו שנת תשפב), דהיינו, אפילו מען האט נישט דא די גאנצע שיעור וואס מען דארף פאר די שמן פון די מנורה, נאר מען האט נאר א 'חצי שיעור' פון די שמן, אפילו אזוי איז מען מקיים די מצוה. אבער ווי אזוי האט מען געמעגט אנצידען די מנורה אין שבת, ווייל אין די אכט טאג פון חנוכה איז דאך זיכער געווען א שבת, און שבת איז דאך נאר מותר אן צו צינדן די מנורה נאר אויב מען האט די גאנצע שיעור פון די שמן וואס די מנורה דארף האבן, אבער אויב עס האט נישט די גאנצע שיעור, טאר מען נישט מחלל שבת זיין על סמך אז עס גייט געשעהן א נס?

און רבי מאיר אריק איז ממשיך אין שרייבט: **וגם על ידי קטן אי אפשר להא הדלקת נר בערב היא מצוה דאורייתא ואי אפשר על ידי קטן, כמו שכתב המנחת חינוך הנ"ל דמצוה דאורייתא על ידי קטן לאו כלום היא** - פירוש: דא ביי די נירות חנוכה קען מען נישט ענטפערן די תירוץ וואס מען האט געענטפערט ביי נר המערבי, אז מען האט געצינדען די מנורה דורך א קטן, ווייל דארט האט מען דאך גערעדט פון א 'תקון דרבנן', וואס א קטן שהגיע לחינוך מעג אנצינדען אין מען איז יוצא די מצוה. אבער דא רעדט מען דאך פון די עצם מצות הדלקת נירות פון שבת, וואס איז א מצות עשה דאורייתא, און א קטן איז פסול צו צינדען, אזוי ווי די מנחת חינוך האט געשריבן?

### תירוצו הראשון של האמרי יושר - ודחיותו

קומט רבי מאיר אריק און ענטפערט: **ואפשר דהדליקו על ידי שני כהנים או זרים, דכשרין להדלקה, דשנים שעשאוהו פטור אבל אסור מדרבנן, ובמקום מצוה ובפרט במקדש לא גזרו** - פירוש: רבי מאיר אריק איז מחדש, אז שבת אין חנוכה האט מען אנגעצידנן די

מנורה דורך צוויי כהנים, אדער זרים [וויבאלד הדלקת המנורה איז נישט קיין עבודה, אזוי ווי די מנחת חינוך האט געשריבן], און די הלכה איז דאך ׳שנים שעשאהו פטורים׳, דהיינו ווען צוויי מענטש׳ען טוהן א מלאכה איז נישט דא קיין איסור מדאורייתא, נאר א איסור מדרבנן, און וויבאלד עס איז נאר א איסור דרבנן, האט מען מיקל געווען במקום מצוה ובפרט במקום המקדש, און די רבנן האבן נישט גוזר געווען ביי שנים שעשאהו, און מען האט געמעגט צינדען די מנורה אויף אזא אופן!

קומט אבער רבי מאיר, און ער איז דוחה דער תירוץ, וזה לשונו: **אבל לפי דברי המקור חיים בהגהותיו לאורח חיים סימן רס״ו** (ד״ה מיהו) **שנים שעשאוהו אסור מן התורה רק דחיוב כרת חטאת ליכא, הדרא קושיא לדוכתא** - פירוש: דער מקור חיים (לבעל הנתיבות, והחות דעת) איז מבאר אז דער דין פון ׳שנים שעשאהו׳ איז נישט קיין פטור מן התורה, נאר עס בלייבט ווייטער אן איסור מן התורה, נאר די פסוק קומט צו פטר׳ן פון א קרבן, דהיינו אויב צוויי מענטשען א מלאכה אין שבת, איז עס נאכאלץ אסור מן התורה, אבער אויב מען האט עס געמאכט בשוגג איז מען פטור פון ברענגען א קרבן. אין אויב אזוי העלפט נישט די עצה פון נוצן צוויי כהנים צו אנצינדען די מנורה, וויל עס איז נאך אלץ אסור מן התורה.

### תירוצו השני של האמרי יושר - ודחיותו

קומט רבי מאיר אריק, און שרייבט א צווייטע תירוץ אויף דער קשיא (וכן תירץ בספר אור תורה להגה״ק מאוסטראוואצא זצ״ל - לחנוכה): **ואולי יש לומר שהיה עומד שם המדליק, ורואה אם השמן נתמעט ואין נס בעודנו דולק, יוסף שמן טמא שהיה להם, דהא טומאה דחויה או הותרה, רק דרצו לעשות בטהרה כמו שכתב הפני יהושע** (שבת כא, ב, ד״ה שם מאי חנוכה)**, ועל זה היה הנס, אבל על כל פנים אם יראו שאין נס יוסיפו שמן טמא, ויועיל למפרע אף שלא היה בשעת הדלקה כשיעור, כדאיתא במנחות** (פט, א) **מלמטה למעלה שיעורו** - פירוש: עס איז דא א פשוט׳ע עצה וואס מען האט געטוהן. מען האט געקענט שבת גיין צינדן מיט דער ביסל שמן וואס מען האט געהאט, און מען זאל האבן אינדערזייט אנגעגרייט אויך פון די שמן טמא, און אין הכי נמי, מען האט נישט געוואלט לכתחילה ניצן די שמן טמא פאר די מנורה, אזוי ווי די פני יהושע שרייבט: **נראה דעיקר הנס לא נעשה אלא להודיע להם חיבת המקום עליהם, כדאשכחן שנעשה זה הנס תמיד** (אבות פרק ה, משנה ב) **שלא נמצא פסול בעומר ובשתי הלחם, והואיל ואיתרחיש להו ניסא בעיקר הענין שנגאלו גאולה שלימה מיד מלכות יון הרשעה, שהיו אומרים לישראל כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלהי ישראל, וגזרו כמה שמדיות, ועכשיו שנגאלו ונעשה להם נס גדול ששלטו בשונאיהם, לכך נעשה להם גם כן נס זה בענין הנרות שהוא עדות לישראל שהשכינה שורה בהם, כדדרשי נמי לענין נר מערבי אלא שלאחר מיתת שמעון הצדיק אפילו נר מערבי לפעמים היה כבה והולך, לכך נעשה להם נס בזה הענין ממש באותן הימים שהיו עת רצון להודיע שחזרו לחיבתן הראשונה** - אבער דעס אלעס איז נאר לכתחילה, אבער באמת איז דאך געווען מותר צו צינדן מיט שמן טמא, און מען האט געהאלטן דארט שמן טמא, אויב די נס געשעהט נישט אין די נרות המנורה הייבט זיך אן צו פארלעשן, און עס וועט אויסקומען אז מען האט מחלל שבת געווען, וואלט מען גלייך צו געלייגט פון די שמן טמא כשיעור, און אזוי וואלט אויסגעקומען אז די נרות המנורה וואלט געברענט כדין, און מען וואלט נישט מחלל שבת געווען.

און רבי מאיר אריק איז מציין, אז אפילו בשעת׳ן הדלקה איז נישט געווען קיין שיעור, אם כל זאת איז מותר אזוי צו צינדען די מנורה, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת מנחות ׳ממטה למעלה שיעורו׳ דהיינו מען פלעגט לייגן אין די מנורה קודם א ׳רבע לוג׳, און מען איז געשטאנען נעבן דעם צו זעהן צו עס איז גענוג פאר א גאנצע נאכט, און ווען מען האט געזעהן אז עס איז נישט גענוג האט מען צו געגאסן נאך שמן, עכ״פ זעהט מען פון דער גמרא, אז עס מיז נישט זיין די גאנצע שיעור בשעת׳ן הדלקה. איז וועגן דעם האט מען געקענט טוהן דער עצה.

זאגט אבער רבי מאיר אריק: **אבל לפי דברי הפרי חדש דלא היה אפשר בשמן טמא שנמצא אז אצלם דטומאת מגע זב לא הותרה בציבור, ונכרים מגעי זבין הן יעו״ש אם כן גם בזה אין עצה** - פירוש: די **פרי חדש** אין סימן תר״ע ס״ק א שרייבט, אז די שמן פון די בית המקדש איז געווארען טמא בטומאת זב, אדער בטומאת עבודה זרה, און אויף דער טומאה איז נישט געזאגט געווארען די כלל פון ׳טומאה הותרה בציבור׳, און אויב אזוי האט מען בכלל נישט געמעגט ניצן דער שמן פאר די הדלקת המנורה, און אויב אזוי האט מען נישט געקענט טוהן די עצה, פון לייגן אביסל שמן כשר, און ווארטן און זעהן אויב עס געשעהט די נס אדער נישט, ווייל אויב עס וואלט נישט געשעהן די נס, וואלט מען נישט געמעגט צוגיסען פון די שמן טמא, ווייל עס איז דאך נישט הותרה, און אויב אזוי פאלט אוועק דער תירוץ וואס די רבי מאיר אריק האט יעצט געגעבן. און וועגן דעם פיהרט רבי מאיר אריק אויס אויף דער קשיא: **והדבר צריך עיון!** [ועי׳ בשו״ת מקדשי השם חלק א, סימן נא, שם בדבר צבי אות א, לתירוצים אפשריים על קושיא זו]




להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com